Sholem Aleichem.
Mazltov: komedye in 1 akt.
In: Literarishe khrestomatye: mit eynike elementn fun literatur-teorye.
Minsk, 1926-1928. Bd. 2.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1903.2

Sholem Aleichem, 1859-1916
Mazltov: komedye in 1 akt.
In: Literarishe khrestomatye : mit eynike elementn fun literatur-teorye.
Minsk : Melukhe-farlag fun Vaysrusland, 1926-1928. Bd. 2.
Pp. 43-60.

1. Yiddish literature--History and criticism. 2. Yiddish language--Readers.
3. Yiddish fiction.--lcsh 4. Short stories, Yiddish.--lcsh 5. Yiddish poetry.--
lcsh 6. Yiddish drama.—lcsh.
I. Belarus-Minsk

ID : NXYH01-B2538 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /3789

Reduction ratio X 10.0

די כּאַליאַסטרע. אַזוי אָך און ווײַ איז אונדז (איינער ברעכט די הענט, דער אנדערער שלאָגט מיט א קולאק זיך אין הארצן און דער דריטער אין קאָפּ, אַלע גיבן א קרעכץ אין איין קאָל און גייען ארויס).

די קנופּיע. געלויבט איז גאָט, מ'איז זייערער פאָטער געוואָרן.

ספּאָדיק. מיר איז שוין צייט צו גיין. מאָרגן דאַרף איך פֿרי אופשטיין, איך האָב אַ פאָר ברילעך. פֿון דאָרטן דאַרף איך גיין אף אַ באַר-מיצווע, און פֿאַרנאַכט בין איך מיר מעסאַדער קעדושן.

די קנופּיע. אונדז איז שוין אויך צייט צו גיין. אַ גוטע נאַכט, ר' מוישע! פֿאַרגעסט ניט, און זאָגט איר טאַקע, זייט מויכל, אז מאָרגן גאַנץ פֿרי שינדערן מעקויעך דעם מעקעך. מעקויעך אַכאַס ווערכאָמעש.

באַלטאַכלעס. פֿאָלגט מיך, איך בעט אייך. זאָל זיין כאָטשע אַכאָס וועשייס.

די קנופּיע (צום ספּאָדיק). טוט אים שוין ר' איצע וואָלף, צוליב. מאָרגן דאַרף ער אָפּלייז פֿאַר יענעם האָבן געלט...

ספּאָדיק (קווענקלט זיך). כ'לעבן, עס טוט מיר ווײ דאָס הארץ. אַ ראַכמאָנעס, כ'לעבן, אַף די אָרעמע לייט, אַף די אָרעמע יידן נעבעך! ווערכוץ לאָזט איז טאַקע ניט רעכט קיין זוגעס, איר ווייסט דאָך, איך האָב פיינט זוגעס.

באַלטאַכלעס. נו, זאָל זשע זיין אַכאַס וואָשעוואַ.

ספּאָדיק: (קנייטשט דעם שטערן, גיט א מאך מיט די אקסלען) טאַ!

די קנופּיע. נו, זאָל שוין בלייבן אַכאַס וואָשעוואַ, אַכעס וואָשעוואַ, אַ גוטע נאַכט! (אלע גייען ארויס).

אופגאַבע. וואָס ווערט באהאנדלט אין „דער טאַקסע"?
וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די פּאָפּעטשיטעלעס?
אף וואָס נוצן זיי אויס די קאָהאָלשע געלט?
וואָס פֿאַר א ראָל שפּילן אין קאָהאָלשן לעבן די האָרעפּאשניקעס און די יידישע אָרעמקייט?
מיט וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט זייער ארויסטרעטונג קעגן די קאָראָבקע-לייט? פֿאַרוואָס האָבן זיי געליטן א מאַפּאָלע?
צי זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די העלדן די נעמען און צונעמען, וואָס דער אווטאָר האָט זיי געגעבן?
צי גיט צו דער פֿאָרוואָרט אַ געוויסע אילוזיע פֿון ווירקלעכקייט און רעאַלקייט? צי האָט איר באמערקט אַזא פֿאָרם פֿון שילדערונג, ווי אין „טאַקסע"?

> אַזאַ פֿאָרם פֿון שילדערונג הייסט דיאַלאָג. דער דיאַלאָג איז אַ ווערטער-אויסטויש צווישן צוויי אנטיילנעמער.
> דער אינהאַלט פֿון דיאַלאָג זיינען פֿראגן, ענטפֿערן, אמפּעריי און אַז. וו.
> דער דיאַלאָג כאַפּט אויך ארום אַ געקרייצטן געשפּרעך צווישן דריי און מער פּערזאָנען.
> באַזונדערע קורצע געשפּרעכן פֿון די אנטיילנעמער אין דיאַלאָג הייסן רעפּליקעס.

צי גיט איבער דער אווטאָר נאָר די געשפּרעכן פֿון די אנטיילנעמער, אָדער ער גיט איבער אויך זייערע באוועגונגען, מימיק און אנד.?

> די אלע באמערקונגען פֿון אַווטאָר וועגן די באוועגונגען און מימיק פֿון זיינע העלדן הייסן רעמאַרקעס.

ווי הייסט אזא ליטעראַרישע ווערק, ווי „די טאַקסע"?

> אַ ליטעראַרישע ווערק, וואָס דער אַווטאָר האָט עס געוואָלט צופּאַסן צום סצענישן אויספֿילן, הייסט אַ דראַמאַטישע ווערק.

שרייבט אָן אַ ארבעט אף דער טעמע: „די לאַגע פֿון יידישן האָרעפּאשניק אין מענדעלעס צייטן".

ביאָגראַפֿיע.

שאָלעם-אַלייכעם — דער פּסעוודאָנים פֿון דעם באַרימטן הומאָריסט און איינעם פֿון די גרעסטע יידישע שריפֿטשטעלער שאָלעם ראַבינאָוויטש — איז געבאָרן דעם 18-טן פֿעוורואַל 1858 יאָר אין אַ שטעטל נעבן פּערעיאַסלאַוו, פּאָלטאַווער גוב. זיין פֿאָטער אַ שטיקל מאסקל איז געוועזן איינער פֿון די אָנגעזעענסטע נעגידים אין שטעטל. אַז שאָלעם-אַלייכעם איז געוועזן נאָך גאָר אַ קינד, האָבן זיך זיינע עלטערן באַזעצט אין שטעטל וואָראָנקאָ (פּראָטאָטיפּ פֿון קאַסרילעווקע), ווו שאָלעם-אַלייכעם האָט פֿאַרבראַכט זיינע קינדער יאָרן, לערנענדיק בא מעלאַמדים. שפּעטער האָבן זיך זיינע עלטערן צוליב מאַטעריעלע סיבעס אַריבערגעצויגן קיין פּערעיאַסלאַוו, ווו שאָלעם-אַלייכעם האָט באַזוכט די אָרטיקע „אויעזדנע אוטשילישטשע".

ש. ראַבינאָוויטש (שאלעם-אליכעם)
18/II 1858—13/V 1916

צו 21 יאָר איז ער געוואָרן ראַבינער אין שטעטל לובני, פּאָלטאַווער גובערניע, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט ביז 1883 יאָר. צו דער צייט געהערט דער אָנפֿאַנג פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אין יידיש. ער טרעט ארויס מיט אַ ריי לידער און דערציילונגען אין צעדערבוימס „יידישן פֿאָלקס-בלאַט", ווי „נאַטאַשאַ", „העכער און נידעריקער", „קאַנטאָר-געשעפֿט" (דראַמע), „די וועלט-

"רייזע", "די בעסטע יאָרן", "קינדער שפּיל", "לאַגבאָימער", "אַ כאָסן אַ דאָקטער", "סענדער בלאַנק". אין יענער צייט האָט ער אויך ארויסגעגעבן איינע פֿון זיינע ערשטע קינדער-דערציילונגען "דאָס מעסערל", אויך אַ פּאַמפלעט קעגן שאָמערס ווערק — "שאָמערס מישפּעט" (שאָמער (שייקעוויטש) איז געווען דער אַוטאָר פֿון די אומגעלומפּערטע "העכסט-אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען). דידאָזיקע אַלע ווערק האָבן ניט נאָר שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען פּאָפּולער געמאַכט באַם ברייטן יידישן לעזער-אוילעם, נאָר אויך ארויסגערופֿן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די עמעסע ליטעראַטור-מעווינים.

ענדע די 80-קער יאָרן האָט זיך שאָלעם-אַלייכעם באַזעצט אין קיעוו און געיאַרשנט פֿון זיין שווער, דעם גרויסן גוטסבאַזיצער ה. לאָעוו, זייער אַ גרויסע סומע געלט (עטלעכע הונדערט טויזנט רובל). ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט פֿינאַנציעלער טעטיקייט, ווי פֿאַרשיידענע באַנק-אָפּעראַציעס, בערזע-געשעפֿטן א. ד. גל. אָבער צו גלייכער צייט האָט ער אויך ניט אויפֿגעהערט זיין אומדערמידלעכע ליטעראַרישע אַרבעט.

אין יאָר 1888 האָט שאָלעם-אַלייכעם אָנגעהויבן ארויסגעבן אין קיעוו גרויסע ליטעראַריש-קריטישע יאָרביכער אונטערן טיטל "די יידישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק", ווו ס'האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע יידישע שריפֿטשטעלער פֿון יענער צייט. אין די צוויי דערשינענע בענדער פֿון "יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק" האָט שאָלעם-אַלייכעם אויסער אייניקע לידער, אַרטיקלען, רעצענזיעס א. ד. גל. פֿאַרעפֿנטלעכט אַלס באַזונדערע ביילאַגעס זיינע צוויי ראָמאַנען: "סטעמפּעניו" און "יאָסעלע סאָלאָוויי", אין וועלכע ער האָט געפּרוווט געבן מוסטערן פֿון אַ יידישן ראָמאַן. דער דערפֿאָלג פֿון דער "יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק" איז געווען זייער גרויס, אָבער בא דעם דריטן באַנד האָט די אויסגאַבע געמוזט אופֿהערן, ווייל די אומגעלונגענע בערזן-ספּעקוליאַציע צוזאַמען מיט די באַדייטנדיקע סומען, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט אויסגעגעבן אַף זיינע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, האָבן גאָר אינגיכן געמאַכט אַ סאָף צו זיין אַשירעס, און אין יאָר 1890 איז ער געצוווּנגען געווען צו פֿאַרלאָזן קיעוו און איז אריבערגעפֿאָרן קיין אָדעס. דאָרט האָט ער ווייטער געפֿירט זיין טעטיקייט אַלס קאָמערסאַנט, פֿאַרנעמענדיק זיך מיט מעקלעריי, פֿאַרזיכערונג-אַגענטור א.א.וו. אין אָדעס האָט שאָלעם-אַלייכעם אין יאָר 1892 אַרויסגעגעבן אַ בלעטל "דער קול מבשר צו דער יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק", ווו ער האָט אויסער עטלעכע הומאָריסטישע קלייניקייטן פֿאַרעפֿנטלעכט די ערשטע "בריוו פֿון מענאַכעם-מענדל מיעהופּעץ", געשריבן אונטערן פֿרישן איינדרוק, וואָס האָבן אַף אים געמאַכט די פֿאַרשוינען, מיט וועלכע ער האָט באַגעגנט זיך אינם 1892 יאָר אַף דער אָדעסער "בערזע".

אין יאָר 1893 איז שאָלעם-אַלייכעם ווידער אריבערגעפֿאָרן קיין קיעוו. פֿאַרנעמענדיק זיך מיט זיינע געשעפֿטן, האָט ער ניט אופֿגעהערט צו שרייבן. אין ספּעקטאָרס "הויז-פֿריינד" האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט דעם אָנהויב פֿון זיין באַרימטער סעריע "טעוויע דער מילכיקער", פֿאָרזעצונגען פֿון מענאַכעם-מענדלס בריוו א. א. וו.

אין יאָר 1905 נאָך דעם שרעקלעכן אָקטיאַבער-פּאָגראָם האָט שאָלעם-אַלייכעם פֿאַרלאָזן זיין וואָינאָרט קיעוו, און איבערלאָזנדיק די פֿאַמיליע אין דער שווייץ, איז ער אוועקגעפֿאָרן קיין אמעריקע, ווו ער איז מיט ענטוזיאַזם אופֿגענומען געוואָרן פֿון דער גאַנצער יידישער באַפֿעלקערונג. אין אַמעריקע האָט שאָלעם-אַלייכעם זייער פֿיל געשריבן פֿאַר די דאָרטיקע צייטונגען, באַטייליקנדיק זיך צו גלייכער צייט אין רוסלענדישע אויסגאַבן. אין "פֿריינד" האָט ער געדרוקט קאַפּיטלען פֿון "מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", איינעם פֿון די מערקווירדיקסטע און רירנדסטע ביכער, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט געשריבן. אין "אונדזער לעבן" האָט ער געדרוקט דעם האַלב סענסאַציאָנעלן ראָמאַן "דער מאַבל", ווו ער פּרוווט זיך שילדערן די רוסישע פֿרייהייט-באַוועגונג. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט שאָלעם-אַלייכעם צוריקגעקערט קיין אייראָפּע און דורכגעפֿאָרן מיט דעם גרעסטן טריומף די וויכטיקסטע יידישע צענטערן אין פֿראַנקרייך, שווייץ, בעלגיע, דייטשלאַנד און עסטרייך. ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַף פֿאָרלעזונגען אין אַ ריי שטעט אין רוסלאַנד. ער האָט באַזוכט וואַרשע, לאָדז, ווילנע, ריגע, אָדעס, א. אַנד., ארויסרופֿנדיק אומעטום עמעסע באַגייסטערונג. אַף זיין צוריקרייזע פֿון מינסק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ פֿאָרלעזונג אין שטעטל באַראַנאָוויטש. דאָרט האָט ער זיך שטאַרק צוגעקילט און געפֿערלעך קראַנק געוואָרן. ער האָט געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד און איז אַוועקגעפֿאָרן אין דעם קוראָרט נערווי, איטאַליע, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט אַ לענגערע צייט.

אין אָקטיאַבער פֿון יאָר 1908 איז געפֿייערט געוואָרן דער 25-יאָריקער יובילײ פֿון שאָלעם-אַלייכעמס ליטעראַרישער טעטיקייט. אין אַ ריי שטעט זיינען לעקאָוועד אים איינגעאָרדנט געוואָרן באַנקעטן, אָוונטן, פֿאָרלעזונגען. די לעצטע יאָרן פֿאַרן טויט האָט שאָלעם-אַלייכעם געשריבן "מאָטל פּייסעס אין אַמעריקע" און זיין אַווטאָביאָגראַפֿיע "פֿונם יאַריד".

געשטאָרבן איז שאָלעם-אַלייכעם אין ניו-יאָרק אין 1916 יאָר, וווהין ער איז אוועקגעפֿאָרן בייס דער וועלט-מילכאָמע.

זיינע ווערק זיינען די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פֿון דעם איבערגאַנג פֿונם יידישן אַלטן שטעטל, פֿונם פּאַטריאַרכאַלן לעבנסיידער צום קאַפּיטאַליסטישן הו-האַ. דער גלאַנץ פֿון זיין הומאָר איז איבערגעבן אין דעם ווידערשפּרוך צווישן די אַלטע קליינשטעטלדיקע האַסאָגעס, צווישן דעם בעסמעדרעשדיקן באַוווסטזיין און די נייע גרויס-קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן.

שאָלעם-אַלייכעם האָט מיט אַ באַזונדער לירישקייט און ליבע געמאָלט די קאַסרילעווקער "קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס" און געשאַפֿן אַ ריי געשטאַלטן, וואָס שטייען אין די ערשטע רייען פֿון דער הומאָריסטישער וועלט-גאַלעריי.

שאָלעם־אלייכעם.

4. מאזלטאָוו.

(אַ קאָמעדיע אין 1 אַקט).

די פאַרשוינען:

בײלע, אַ קעכין, אַן אַלמאָנע פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק. אַ יאָדערדיקע ייִדענע.

פראַדל, אַ שטוב־מיידל. אַ שוואַרצכיינעוודיקע.

רעב אַלטער, אַן אָרעמער פּאַקנטרעגער, גיט ביכלעך אַף פּראָקאַט. אַ ייִדל פֿון אַ יאָר 40, אַן אַלמען אָדער אַ גאָרוש, און עפּשער גאָר אַן אַלטער באָכער. איין האַלב פּאָנים לאַכט, דאָס אַנדערע וויינט. טראָגט אַ קויטיקע מאַנישקע מיט אַ צוגעלעגערט קאַפּעליושל, שאַדכנט זיך צו דער קעכין.

כאַים, אַ מעשאָרעס פֿונם צווייטן הויז. אַ יונג אַ כוואַט מיט אַ „סיגנעט“ שאַדכנט זיך צו פראַדלען.

מישא } דעם באַלעבאָס קינדער, אַ ייִנגל און אַ מיידל, ריידן האַלב
מאַשע } יידיש, האַלב רוסיש.

מאַדאַם, די באַלעבאָסטע אַליין, באַווייזט זיך מיטן איבעריקן אוילעם נאָר אין דער לעצטער סצענע אַף אַ ווײלע.

(די געשיכטע קומט פֿאָר אין קיך).

ערשטע סצענע.

בײלע (שטייט מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל באַם אויוון, קאָכט און זינגט אַ לידל).

אוי, ווו זייט איר מיינע יונגע יאָרן?
אוי, ווו זייט איר אהינגעקומען?
צי מיטן פייער פֿאַרבּרענט געוואָרן?
צי מיטן וואַסער אַוועקגעשווומען? } ביס.

אַז אָך און וויי איז צו מיינע סאָנים, אַז בײלע דאַרף זיין אַ דינסט באַ די יאָרן און האָבן אַף זיך אַזאַ באַלעבאָסטע, אַזאַ „מאַדאַם“, וואָס נאָר געזידלט, נאָר געפּידלט! אַ שיינע נעגידעס! אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט וועט זי דען געבן? אירע אייגענע קינדער אַפּילע זשאַלעוועט זי עסן, איטלעכן איז זי כוישעד: ראַק מע נאַשט, ראַק מע גאַנוועט! באַ איר זיינען אַלע נאַשערס, אַלע גאַנעוועס! (זי נעמט אַראָפּ אין אַ באַזונדער טעפּל פֿון אַלע מאַכאָלים צו ביסלעך). געזונג זיי זיין צו קרענקען... ווי זאָגט רעב אלטער: „ווינציקער זיין די ווערים אין קייווער“... (נעמט אַראָפּ נאָך אַ שטיקל פֿלייש). נישקאָשע, מע וועט זיך באַדרייען... (זי זינגט).

.1

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז מען פּעפּערט ניט די פֿיש,
אַזוי איז ביטער,
אַז מען זיצט באַ אַ פרעמדן טיש.

.2

אַזוי ווי ס'איז ביטער
יויך אָן אַ פֿאַן,
אַזוי איז ביטער,
אַז מען זיצט אָן אַ מאַן.

.3

אַזוי ווי ס'איז ביטער,
אַז דאָס עסן שמעקט מיט רויך,
אַזוי איז ביטער,
אַז מען אַרבעט איבערן קויעך.

.4

אַזוי ווי ס'איז ביטער,
אַז דאָס עסן האָט קיין טאַם,
אַזוי איז ביטער,
אַז מע דינט באַ אַזאַ „מאַדאַם“.

ווער קלאַפּט דאָס דאָרטן אין דער טיר? מיסטאָמע רעב אַלטער... אַ טייערער ייִד, אַ קאָשערער, אַן ערלעכער, אָן כאָכמעס... האָרעוועט נעבעך אַפּן שטיקל ברויט, ווייסט ניט פֿון קיין וועלט צו זאָגן, גלייך מיט מיר... (עפֿנט די טיר, עס קומט אריין ר' אַלטער פֿון דרויסן מיט אַ פּעקל ספֿאָרים אונטער דער האַנט).

צווייטע סצענע.

ר. עב אַלטער (לייגט אָפּ דאָס פּעקל אַף אַ זייט, מאַכט צורעכט דאָס בערדל, ווישט זיך דעם שווייס מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע). אַ גוטן אָוונט אייך, בײלע לעבן, וואָס מאַכט איר גוטס? איך גיי פֿאַרביי, איך זע עס לייכט זיך, טראַכט איך מיר, מע דאַרף אַריינגיין אַף אַ ווײלעמשקע... אַ גאַנצן טאָג איז מען אַף די פֿיס, פֿון שטוב צו שטוב, מע מיינט טאָמער, דיזן, דאָזן, דאָס און יענץ... וואָס איז באַ אייך פֿאַר אַ יאָנטעוו, בײלע, וואָס איר קאָכט אַזוי שפּעט?

בײלע. ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָר! אַ סימכע פלוצים, פֿאַרשטערט זאָל איר ווערן!... געקומען אַ כאָסן אָנקוקן אונדזער מאַמזעלעכן... עפּעס

איינער אַ שוואַרציאַר מיט קנעפּלעך, ווייסט דער רועך דעם טאַטן זיינעם... אָט וועט אריינגיין פֿראַ־ל, זי ווייסט... זיצט, רעב אַלטער, זעצט זיך... טאָמער וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי? צי אַגלעזל מילך? צי עפּשער ביידע זאַכן אינײנעם? און עפּשער גאָר צובייסן, עפּעס נעמען אין מויל אַריין? (זי רוקט אים אונטער אַלע גוטע זאַכן).

רעב אַלטער. אַדאַנק, לעמאַי זאָלט איר זיך מאַטריען זיין, ביילעניו? איך בין גאָרניט אַזוי שטאַרק הונגעריק .. נאָר גאָרניט, אויך די אייגענע מאַיסע, ווי זאָגט ער, אז אייך איז ליב, איז מיר ניכע.. (עסט). איז באַ אייך, הייסט דאָס, היינט אַ שטיקל יאָנטעוו? מעבעטיסע. לאָז זיי גאָט העלפֿן, וואָס האָב איך צו זיי? אי, איך לייז באַ זיי קיין געלט ניט? לעמאַי ס'איז דאָ, קיינאַנאַרע, אַטאַך אַזעלכע „סטיקראַטן“, וואָס איך לייז באַ זיי קיין געלט ניט? אָט, אַשטייגער. כאַפּט אָן אייער „מאַדאַ־מעשע“ זי פֿלעגט מיר אַמאָל געבן צו לייזן פֿאַר ביכלעך גאָר אַסאַך געלט... נאָר פֿון אַ צייט אָן, אַז זי האָט אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין זשאַרגאָן. פֿון זינט זי איז געקומען פֿון אויסלאַנד, האָט זי פֿאַרגעסן אונדזער לאָשן. גלייך ווי זי האָט שוין 40 יאָר ניט געהערט קיין יידיש וואָרט... אָט דאָס אויסלאַנד, הערט איר, איז פֿאַר אונדזער פּאַרנאָסע אַן אומגליק!...

ביילע. ווי האָבן זיי צייט צו לייענען ביכלעך, אַז טאָג ווי נאַכט ווייקט מען אין די קאָרטן? קומט אַף דער נאַכט קלייבט מען זיך צונויף אַלע. איך דאַרף שטיין באַם אויוון: קאָך זיי, בראָט זיי, בראָטן און ברענען זאָל זיי אַפֿן האַרצן!... עפּשער וועט איר נעמען, רעב אַלטער, אַ גלע־זעלע בראַנפֿן, ס'איז געבליבן פֿון נעכטן? (זי בויגט זיך אָן, נעמט ארויס, גיסט אים אָן א גלעזל. ער פֿאַרזוכט).

רעב אַלטער. אַדאַנק, לעמאַי זאָלט איר זיך מאַטריען זיין? (ער קערט איבער דאָס גלעזי) אַדאַנק! הערט איר, ביילע, ס'איז גאָרניט קיין שלעכט ביסל בראַנפֿן, ווי איר זעט מיך לעבן! (זי גיסט אים אָן נאָך א גלעזל). אַדאַנק, לע־מאַי זאָלט איר זיך מאַטריען זיין?... האָב איך באַקומען, הערט איר, אַ פֿריש פּעקל סכוירע, ראָמאַנען אוש פֿון אַמעריקע, פֿרישע, צאַפּל־דיקע, נאָר וואָס פון דער נאָדל ארויס. איך זאָג אייך פֿון די אַנטיקן!... קאַפּריסן! זעמלמעל!...

ביילע (שלעפּט ארויס אַ פֿלעשל פֿון אונטערן בעט און גיסט אים אָן אַ גלעזל וויין). אַנו, רעב אַלטער, פֿאַרזוכט, זייט מויכל, פֿונם דאָזיקן וויין... געבליבן באַ זיי נעכטן פֿון טיש.

רעב אַלטער. אַדאַנק! לעמאַי זאָלט איר זיך מאַטריען זיין? (פֿאַרזוכט און באַלעקט זיך). זינט גאָט האַנדלט מיט מאַשקעס, האָט ער נאָך אַזאַ מאַשקע ניט געהאַט... הערט איר, איז דאָס אַביסל מאַשקע, ביילעניו, פֿון מאַשקע־לאַנד!... (קוקט אין גלעזל אַריין און שפּיגלט זיך). ע, אַפּאָנים, די נעגידים וויסן טאַקע, וואָס גוט איז!... אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר זיין געזונט! (קערט

איבער דאָס גלעזל). הערט איר? דאָס איז וויין! דאָס איז אַ מין מאַשקע, וואָס מ'קען עס אָנרופֿן וויין! עס האָט אין זיך אַלע אָפּשניצלעך פֿון... פֿון... אַ גלעזל וויין... (באַלעקט זיך). דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

ביילע (גיסט אים אָן נאָך אַ גלעזל וויין). נישקאָשע! טרינקט נאָך איין גלעזל, זשאַלעוועט ניט, פֿאַראַן באַ זיי אין קעלער גענוג... זיי מעגן דאָס אויס־קרענקען געזונטערהייט!

רעב אַלטער (מיט אַ פֿריילעך פּאָנים). לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זיי? לאָזן זיי טרינקען... לאָזן יידן טרינקען געזונטערהייט... אַ ייד איז ניט קיין גוי... אַ ייד, אַז ער נעמט אַ ביסל מאַשקע, איז גאָרנישט, מעכע־טייסע... ער טרינקט זיך אויס אַ גלעזל, צוויי גלעזלעך, צי אַפֿילע דריי גלעזלעך—און שאַ. שטיל, טשעפּעט ניט קיינעם, אַפֿילע קיין פֿליג אַף דער וואַנט... שיקער?—פֿע! שיקער—קיינמאָל ניט!... קיינמאָל ניט שיקער!...

ביילע (דערגיסט אים דאָס גלעזל). קיינמאָל ניט!...

רעב אַלטער. אַקעגן וואָס, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רייד? יאָ, אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: מע האָרעוועט... מע האָרעוועט איבערן קויעך... אָט, לעמאָשל, כאַפּט אָן, צום ביישטיפּט, אַ יונגע אַלמאָנע, ווי איר זייט... וואָס?... ווער?... וועמען?... גאָרנישט... דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ. הערט איר! איך וואָלט דאָס אייך ניט געזאָגט. נאָר אונטער פֿיר אויגן זאָג איך אייך... די מאַיסע פֿון דער געשיכטע איז אַזוי... ביזוואַנעט איז דער שיר, פֿרעג איך אייך, צו זיין באַ יענעם?... ווידעראַמאָל גע־קאָכט וועטשערע, און אָבעראַמאָל וועטשערע... צייט אַמאָל אַן איי־גענע וועטשערע, אַן אייגן שטיקל אויוון, דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ... איר פֿאַרשטייט?...

ביילע. יאָ, איר זייט אַוואַדע גערעכט, רעב אלטער, אַן אייגענע פּאָמוניצע איז אַוואַדע ליבער פֿון אַ פֿרעמדער שיסל... וואָס קומט אָבער אַרויס? אַ וויסטע אלמאָנע, מע אָנו, מע כאַיעינו?

רעב אַלטער. אימקיין איז וואָס? אַן אלמאָנע איז דען קיין מענטש ניט?... פֿאַרקערט, אַן אַלמאָנע איז נאָך אַדעראַבע מער סכוירע... מיצאַד ראַכמאָנעס... (מאַכט מיט די הענט). מיצאַד דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

ביילע. ווייס איך וואָס, ווער וועט זיך קוואַפּען אף מיר מיט סאַכאַקל צוויי הונדערט שמאַרדאַוואַנצעס, נישט מער זאָלן מיינע באַלעבאַטים פֿאַר־מאָגן, ריבוינעשעלוילעם...

רעב אַלטער (באַכערט זיך). ע, זאָגט דאָס נישט, ביילע לעבן!... ווי אַזוי מען וויל לייענט מען דאָס ברייוול... צוויי הונדערט קאַרבן איז היינ־טיקע יאָרן אַ קאַפּיטאַל... און צו אַזאַ קאַפּיטאַל, ווען גאָט שיקט אייך צו, קעדוימע לעמאָשל, א לייטישן יונגמאַן, אַ מענטשן אַן ערלעכן, אַ מענטשן מיט אַ געשעפֿטל אין דער האַנט... אַ מענטשן, וואָס פֿאַר־שטייט איר מיך (מאַכט מיט די הענט) דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

ביילע. אשטייגער, קעדוימע לעמאָשל?...

רעב אלטער (באכערט זיך). אַשטייגער, קעדוימע לעמאָשל, איך זאָל אייך אָנכאַפּן נאַפּשיקלאַד אזאַ מין מענטשל, וואָס האָט אַ געשעפטל, ניט קיין גרויס געשעפט, נאָר אזוי אַ פיינס, א שטילס, אַ רויִקס... וואָס האַנדלט מיט אזאַ מין סכוירע, וואָס מע גיט דאָס אף פּראָקאַט... אף איבערלייענען... נו, קעדוימע לעמאָשל, ביכער, ראָמאַנען (מאכט מיט די הענט). דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

ביילע (פאַרטראַכט, ווישט זיך די נאָז מיטן ארבל פונונטן ארויף). איר רעט עפּעס, רעב אַלטער, אַזעלכע ווערטער... פאַרשטעלט... איך קאָן ניט פאַרשטיין. טרינקט, איך בעט אייך, קוקט ניט אף קאָוועד... מיר וועלן האָרעווען, און זיי וועלן פרעסן און זויפן? עסן זאָלן זיי ווערים (גיסט אים אָן נאָך א גלעזול).

רעב אלטער. לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זיין? (נעמט דאָס גלעזול). וואָס איר זאָגט מע האָרעוועט. דערויף זיינען מיר שוין געוואָינט. וואָס איז שאיעך? גאָט האָט אזוי באַשאַפן די וועלט, אז מיר דאַרפן האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערן, און זיי דאַרפן לעבן אַ גוטן טאָג. עסן און טרינקען, און דיזן און דאַזן, און דאָס און יענץ... פאַרדריסן פאַרדריסט נאָר דאָס, וואָס ס'איז בא זיי ניט אָנגעלייגט אונדזער האָרעוואַניע. לעמאָשל, אָט נעמט אַ פערד, לעהאוודל, האָרעוועט אייך איבערן קויעך זעט זשע אָבער, ווי מע קיכלט עס, מע גלעט עס, מע גיט אים עסן, און טרינקען, און דיזן, און דאַזן, און דאָס און יענץ...

ביילע. איר רעט עפּעט, רעב אלטער, טאָמיד אזוי מאָדנע... פאַרשטעלט...

רעב אלטער. ס'איז ניט מיינע ווערטער; דאָס האָב איך אויסגעלייענט פון אַ ביכל, פון די היינטיקע ביכלעך, וואָס זיי גיבן אַרויס, אָט די יימאַך-שמוינינקעס, די „צעצאַליסטן"...

ביילע. וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַקע?

רעב אלטער. פאַרשטייט איר מיך, דידאָזיקע זיינען אַזעלכע מענטשן, פאַרשטייט איר מיך, וואָס קאַטאָרי זיי נעמען זיך אָן אַדעראבע די קריוודע פון די אָרעמעלייט, פון די ארבעטער, פאַר מיר און פאַר אייך, און פאַר די אלע, וואָס פּלאָגן זיך און מוטשען זיך אף דער וועלט...

ביילע. הערסטו! וואָס זשע שווייגט איר? לאָזן מיינע באַלעבאַטים אַיינעמען אַ מיסע מעשונע פאַר זייער מינדסטן נאָגל!

רעב אַלטער. לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זיין? (עס עפנט זיך די טיר. עס קומט אריין כאַים דער מעשאָרעס. ביילע טוט זיך אַ וואָרף צום אויוון. רעב אלטער קוקט אריין אין א ביכל).

דריטע סצענע.

כאַים (דאָס קאַפּעליושל אף א זייט). אַ גוטער אָוונט זאָל זיך אין אייך אַריינכאַפּן, ביילעניו... וואָס מאכט אַ ייִד, רעב אלטער? איר ווייסט? דאָס ביכל, וואָס איר האָט מיר געבראַכט איז אַן אנטיק פון א ביכל: איך

האָב דאָס נאָר גענומען לעזן, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן, זיצנדיק אפן בענקל, ווי א געהארגעטער... (ער גיסט זיך אָן א גלעזול וויין). געניסט עפּעס, רעב כאַים, פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס ניט געניסן? אזוי זאָגט מיין מאַדאַם, בעשאס זי איז מעכאַבעד אירע געסט מיט ווערעמיקע ניסלעך... ווו איז ערגעץ פראַדל? (ער ווי׳ל זיך אָנגיסן נאָך א גלעזול).

ביילע (גיט אים איבער די הענט). אַוועק, דו מעשומעד, נישט פונדיינעטוועגן אָנגעגרייט!... דערצייל בעסער, וואָס ביסטו אזוי אויסגעפוצט? וואָס הערט זיך עפּעס בא אייך? וואָס מאכן דיינע באַלעבאַטים?

כאַים. מיט די זייטן זאָלן זיי אייך מאכן!... מע זיצטביידע אינדערהיים, ווי די טייבעלעך, און מע זידלט זיך און מע שעלט זיך ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר... (ער שלעפּט פון דער קעשענע ניסלעך, וואַרפט אין מויל אריין און טוט אַ קנאַק אלעמאָל מיט דער האַנט איבער דער מאָרדע פונונטן ארויף).

ביילע. וואָס איז די מאיסע?

כאַים (קנאַקט ניסלעך). וואָס זאָל זיין? גאָרניט. זי ווי׳ל קיין פּאַריזש... זאָגט ער קיין בארלין... זאָגט זי אין דער ערד... זאָגט ער ביזט אַ בעהיימע... זאָגט זי ביזט אַ באַלעגאָלע... זאָגט ער אַבי ניט קיין שניידער, אַפּאָנים, טראַכט איך מיך, זיי שטאַמען ביידע פון גרויסן ייכעס, גלייך מיט דעם ייכעס פון זייער מעכוטן כינקעס. איר ווייסט, רעב אלטער, כינקעסעס ייכעס?...

רעב אלטער. דעהאַינע, קעדוימע לעמאָשל?

כאַים. דעהאינע, קעדוימע לעמאָשל, איין ציידן האָט ער געהאט אַ פאָטאָגראַף. ער פלעגט אַראָפּנעמען—גרעט פונם בוידעם... און דער אנדערער ציידע איז געווען גובערסקי רעוויזאָר—איבער אלע שענקען... אז מע זאָל דערמאָנען מאָשיעכן... (עס קומט אָן פון שטוב פראדל).

פערטע סצענע.

פראַדל (זעט נישט כאַימען, זינגט א לידל).

זיץ איך מיר אף אַ שטיין,
עס נעמט מיך אָן א גרויס געוויין:
אַלע מיידלעך האָבן כאָסענע,
נאָר איך איינע זיץ אליין!...

כאַים (ווישט זיך די אייגן קלוימערשט). זייער טרויעריק!

פראַדל (זעט אים ניט).

קאָלומאַן איך בין אַ מיידל,
בין איך שיין און איידל.
און וויבאַלד איך ווער אַ ווייבל,
ווער איך שוין אַן אָרעם טייבל.
אוי ווי, מאָרגנשטערן!
ווען וועל איך אַ קאַלע ווערן?

כאַים (גייט איר אַקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט). הינייני! איך בין אנגעבריט איך בין גרייט אַפילע היינטיקן טאָג, נעשאָמע מיינע, דאָס בין איך טאַקע געקומען, איך זאָל מיט דיר אָפּריידן, מיין טייער קאַנאַריקל, אָפּשטעלן דאָס קנאַסמאָל... אַ גוטן אָוונט דיר, פֿראַדל, וואָס מאַכסטו, האַרץ מיינס, און ווי גייט דאָס דיר אין געזונד, מיין ענגל און מיין שאַף, דער גייסט פֿון מיין נעשאָמע, דאָס האַרץ פֿון מיינע אויגן, ווי באַ רעב אַלטערן אין ביכל שטייט געשריבן...

פֿראַדל. וואָס איז? וואָס ביסטו אַזוי האַפּערדיק? קוקט אים נאָר אָן, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל אויסגעטראַצלט דער שיינער מעכוטן! גוט יאָנטעוו, ראָשכוידעש קלעמעניש!... גייסט מינאַסטאַם פֿון צירק, אָדער געכאַפּט ערגעץ אַ קערטל?...

כאַים. ווי דען איז אַנדערש, פֿייגעלע? אַ מענטש לעבט איין מאָל, ניט קיין צוויי מאָל, ווי מיין רעבע פֿלעגט זאָגן, אַז ער האָט ניט געהאַט אַף שאַבעס און די רעכעצן פֿלעגט אים באַגראָבן נײַן איילן אין דער ערד!...

פֿראַדל. באַגראָבן זאָל מען דיך!

כאַים. אָמיין, אַלע ווייבער! נאַרעלע. היינטיקס מאָל האָסטו דאַפֿקע ניט געטראָפֿן... אין צירק גיי איך ניט און אין קאָרטן שפּיל איך ניט, ווייסטו פֿון ווען אָן?

פֿראַדל. פֿון ווען אָן?

כאַים. פֿון אייערנעכטן אָן... איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט איך זאָל ניט שפּילן מער... איבער צוויי זאַכן: ערשטנס האָב איך ניט פֿאַר וואָס, און וועהאַשיינים קלייב איך איצט א גראָשן צו אַ גראָשן... צוליב דער כאַסענע, נעשאָמע מיינע... מע זאָל זיך באַ מיר אויסציען פֿאַר אַ גראָשן גיב איך ניט... עס ווילט זיך ניט שטאַרבן אין פֿרעמדע טאַכוּריכים, ווי מיין באָבע אָלע-האַשאָלעם פֿלעגט זאָגן, בעשאַס מע האָט געבעטן באַ איר אַ נעדאָווע...

פֿראַדל. וואָס זשע דען טוסטו גאַנצע נעכט, אַז דו פֿאַטערסט אָפּ אָלע אַרבעט אין שטוב?

כאַים. וואָס איך טו? איך פֿאַרנעם זיך מיט בילדונג, מיין טייערע! מיט בילדונג! אָט לייען איך איצט אַ ביכל, זיס ווי איינגעמאַכטס... רעב אַלטער האָט דאָס מיר געבראַכט... אוי אַ ביכל! (ער קושט די פֿינגער). כ'בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן נאָר געלייענט, און געלייענט — מעכאַיע נעפֿאָשעס!

פֿראַדל. עס קער שוין זיין דאָס גוטע ביכל, אַז ס'איז אריין צו דיר אין די הענט אַריין... וואָס איז דאָס, אַ ראָמאַנס?

כאַים. נאָך אַ מין ראָמאַנס! אין זעקס טיילן מיט אַ נעקראָלאָג.

רעב אַלטער. עפּילאָג...

כאַים. מיין איך — עמפּילאָג...

פֿראַדל. וואָס זשע באַשרייבט זיך דערמיט אין ביכל? ביסט ניט קראַנק צו דערציילן!

כאַים. דאָרטן באַשרייבט זיך... ס'איז שווער צו געדענקען אַף אויסווייניק... עפּעס ווו אַזוי אַ פֿיינער באָכער פֿון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק...

רעב אַלטער. אכצן...

כאַים. ראָמאַנסירט מיט אַ מיידל פֿון אַ יאָר ניינצן...

רעב אַלטער. זיבעצן...

כאַים. אַ שיין מיידל, אַן עפּעלע מיט כיין-גריבלעך אין די בעקלעך, אַ בלאָנדינקע מיט שוואַרצע האָר.

רעב אַלטער. מיט בלאָנדע האָר...

כאַים. מיין איך אַ בראָנעטקע מיט בלאָנדע האָר...

פֿראַדל. ווי אַזוי הייסט זי?

כאַים. ווי אַזוי הייסט זי? נאָר וואָס ארויסגעפֿלויגן פֿונם קאָפּ... זי ליגט מיר אַפֿן צונג... ווי אזוי הייסט זי, רעב אַלטער?

רעב אַלטער. ווער?

כאַים. אָט יענץ מיידל, וואָס באַ מיר אין ביכל?

רעב אַלטער. סעראַפֿימאָ...

כאַים. יאָ, יאָ, כ'האָב טאַקע געוואָלט זאָגן אַזוי... עס באַשרייבט זיך דאָרט, ווי אַזוי דער באָכער פֿאַרליבט זיך אינם מיידל. דאָס מיידל וויל כאַסענע האָבן פֿאַרן באָכער... טרעפֿט זיך איין מאָל אַ מאַיסע, דער באָכער באַגעגנט זיך מיטן מיידל ערגעץ אין אַן אָרט, דאַכט זיך, אַז אין קיך? איאָ, רעב אַלטער?

רעב אַלטער. האַ? וואָס?

כאַים. ווו באַגעגנט ער זיך דאָרטן אין אייער ביכל, יענער באָכער מיט דער מויד? אַ יאָ אין קיך?

רעב אַלטער. אין פּאַריזש אין די בעדער... באַם גראַף סאַליס אין פּאַלאַץ... אין אַ גאָרטן פֿון לימענעס און פּאָמעראַנצן. (עס הערט זיך אַ קאָל פֿון שטוב: פֿראַ... פֿראַדל! וואָס קרענקסטו דאָרט אין קיך, דו מויד?...).

פֿראַדל. קרענקען זאָלט איר פֿאַר אַלע ייִדן!... איך גיי, איך גיי! ווי געפֿעלט אייך, ווי זי קוויטשעט! איך וואַש דאָס געפֿעס! אָט גיי איך! גיין זאָל זי אַף קוליעס!...

כאַים. אָמיין, אַלע ווייבער (פֿראַדל לויפֿט אַרויס פֿון קיך. עס לויפֿן אריין מישא און מאַשאַ).

פֿינפֿטע סצענע.

מישא און מאַשאַ (שלעפֿן לעקעך פֿון די קעשענעס, קנאַקן ניסלעך, קוקן זיך ארום אַף אַלע זייטן). סמאָטרי, ביילע, זאָג ניט אויס, באַזשע סאָכראַני!...

ביילע. אַ מאַקע דער מאַמען! איר זייט נעבעך הונגעריק, טייבעלעך?... עסט געזונטערהייט, עסט, פֿויגעלעך!... וואָס הערט זיך עפּעס אין שטוב קינדערלעך?

מישא און מאשא. גאָרניט... דער פאפא און די מאמא שפּילן אין קאָרטן...

כאַים. איר זאָלט זיין ערלעכע קינדער, וואלט איר אַוועקגעלאַקכנט פונם טיש עפעס גוטע זאַכן פון אונזערטוועגן: טארט, ניסלעך, עפל, בארן, מאראנצן, איינגעמאַכטס... נישקאָשע, קיינער וועט ניט וויסן... צווישן דער מישפּאָכע וועט דאָס בלייבן... (מישע און מאשע לאָזן זיך גיין. פראַדל קומט אָן מיט אַ גראפין נאָך וואסער).

זעקסטע כצענע.

פראדל. ברענען זאָלן זיי אַפן פייער!...

כאַים. אָמיין, אַלע ווייבער!

פראדל. דא האט זי געשריען „מויד”, און דאָרט פאר פרעמדע מענטשן, איז זי זיס ווי צוקערלעקעך. „ברענג, זאָגט זי, דושעטשקע, אַ גלאָז וואַסער פאַר דער מאדאַם לאָקשנקוגל”...

ביילע. וואָס מאכן עפּעס כאָסן-קאַלע?

פראַדל. קיין גוטס זאָלן זיי אייך ניט האָבן...

כאַים. אָמיין, אַלע ווייבער!

פראַדל. די שיינע קאלע האָט מוירע, טאָמער טוט אַ קוק אַף מיר דער כאָסן... האלט זי אים פאַרשפּאַרט... נישקאָשע, ער וועט פון איר האָבן אַ ויסטן סאָף... ס'איז אַ וואָיל קאַלעכען... זי וועט אים מירצעשעם אויסדראַפּען די אויגן...

כאַים. אַפאָנים, עס וועט זיין טאַקע היינט אַ מאזלטאָוו?... אַסיס, רעב אַלטער, בעעמעס געניאָסן! טוט אים אַ צי, ביילע, באם לינקן אויער, און זאָגט לישואָסכא קיוויסי...

רעב אַלטער (האָט ביז אהער געכאפּט אַ דרעמל, געפּייפט מיט דער נאָז, כאפּט זיך אויף). אַ דאַנק! לעמאַי זאָלט איר זיך מאַטריען זיין? איך בין אַ ווינציקער טרינקער... אַ ייד טרינקט ניט... אַ ייד איז גאָר קיין טרינקער ניט...

כאַים. אַהא! רעב אַלטער איז דאָך טאַקע רעכט אונטערן גלעזל, כ'לעבן! בעגילופן!.. געמאַכט, אַפאָנים, אַ רעכטע קויסע?...

ביילע. ניט מיין זאָלסט דו עסן, וויפל זיי האָבן געטרונקען...

כאַים. אָמיין, אַלע ווייבער!.. ווייסט איר וואָס, רעב אַלטער? אַז איר זינגט שוין יאָ, טאָ זינגט עפעס אַ לידל—פון די לידלעך! איר זייט דאָך אַ ייד, וואָס קאָטארי איר האנדלט מיט ביכלעך און מיט לידלעך.

רעב אַלטער. ווערסט מיר העלפן? איר וועט מיר העלפן? וועל איך אייך זינגען אַ לידל, וואָס איז טאַקע אָנגעמאָסטן אַף מיר אַליין...

אַלע דריי. אָך! מעכעטייסע, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! (גרייטן זיך צו אים מיטהעלפן).

רעב אַלטער (זינגט). צען ברידער זיינען מיר געווע-ע-עזן
האָבן מיר געהאנדלט מיט וויין;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זיינען מיר געבליבן ניין.

אָי, שמערל מיטן פי-י-דל,
בערל מיטן באַס!
שפּיל-זשע מיר אַ לי-י-דל
אַפן מיטן גאַס.

אַלע אינאיינעם. אָי, שמערל מיטן פי-י-דל
בערל מיטן באַס,
שפּיל-זשע מיר אַ לי-ד-ל
אפן מיטן גאַס!

רעב אַלטער. ניין ברידער זיינען מיר געוו-ע-עזן
האָבן מיר געהאנדלט מיט פראכט.
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן
איז געבליבן אַכט.

אַלע אינאיינעם. אָי שמערל...

אַלע. וועלן מיר נעמען צו ביסלעך מאַשקע. לעכאַים, רעב אַלטער! לאָמיר זיין געזונט!

רעב אַלטער (טרינקט). לאָמיר טאַקע זיין געזונט. (עס לויפן אריין מישא און מאשא מיט פולע קעשענעס).

זיבעטע סצענע.

מישע און מאשע. גיי פראַדל, די מאַמע רופט!.. (פראַדל כאפט דעם גראַפין מיט וואַסער און לויפט אין שטוב אריין).

כאַים. אַנו, ווייזט, וואָס האָט איר געבראַכט?

מישע און מאַשע (ליידיקן אויס די קעשענעס). איזוואָלטיע וואַס עפל, גרושי, אפעלסינעס... לאָווקאָ סטאַשטשילי... יעי באָגו.

כאַים (קושט די קינדער). בראַוואָ! בראוואַ! מאלאדצי רעביאַטאַ!... אָט וואָס הייסט גוטע קינדער, געראטענע, צו גאָט און צו לייט... אָט וואָס הייסט פון קינדוויינז אויף גוט געלערנט... (ער גיסט אָן רעב אלטערן אַ גלעזל וויין און זיך אויך). טרינקט, רעב אַלטער, און פאַרבייסט. לאָז אייך וואָיל באַקומען. אין דער הייליקער האגאָדע שטייט געשריבן... טרינקט און עסט, רעב אַלטער, מע וועט בעמיילע שטאַרבן, ווי מיינער אַ באַקאנטער באַלעגאָלע פלעגט זאָגן, אַז מע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ שיסל קאַרטאָפלעס, און סע האָט געזעצט אַ פארע ווי אין באָד...

רעב אַלטער. הא? און עפשער זיינט איר גערעכט. לאָמיר טאקע נעמען צו קאפעלעך... לעכאַים... לעכאַים, לעכאַים, גאָט זאָל געבן, יידן זאָלן זיין יידן... וואָרעם אַ ייד איז גאָר אַן אַנדער מין באשעפעניש... אַ ייד טרינקט ניט קיין בראַנפן, פע. אַ ייד טרינקט וויין... אַלע מאָל וויין, עס קומט פייסעך צום סיידער, טרינקט ער וויין... און וויפל

עך זאָל ניט טרינקען, איז ער טאָמיד ניכטער... (פריילעך). קיינמאָל ניט שיקער!.. אַיאָ כאַימונקעלע?.. קיינמאָל ניט שיקער!..

כ אַ י ם. כאַס וועכאָלילע! וואָס הייסט אַ ייד וועט גאָר זיין שיקער?.. דערפאַר טאקע דאַרף מען נעמען נאָך אַמאָל צו קאַפּעלעך. (ער גיסט אָן נאָך אַ מאָל, ער קושט זיך מיט רעב אַלטערן, נעמט די קינדער און גייט מיט זיי אַ טענצל. רעב אַלטער פּליעסקעט צו און זינגט. עס קומט אָן פראַדל און בלייבט דערשטוינט).

אַכטע סצענע.

פ ר אַ ד ל (פאַלט אָן אַף כאַימען). ציַ דו ביסט מעשוגע? ציַ דו ביסט כאָסער-דייע? פלוצים אינמיטן דרינען טאַנצן?... (צו די קינדער) גייט, די מאַמע רופט אייך... איר וועט שוין דאָרטן האָבן פאַר די מאַראַנצן!... (די קינדער גייען אוועק). און איר אויך, רעב אַלטער?... פע, שעמען מעגט איר זיך. אַזאַ ייד קיינאַנארע!

ר ע ב אַ ל ט ע ר (פלאַנטערט מיט דער צונג). אַ ייד... אַ ייד איז ניט קיין גאָי... אַ ייד זאָל טאַקע טאָמיד זיין געזונט און מאריך יאָמים וועשאָנים זיין. וואָרעם אַ ייד וויפל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער קיינמאָל ניט ש-שיקער!... (גיסט אָן אַ קויסע).

פ ר אַ ד ל. וואָס עס האָט זיך מיר געכאָלעמט היינטיקע נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! דאָרט אין שטוב איז אַ מאַזלטאָוו, דעריבער באַדאַרפן זיי דאָ זשליאָקן ווײַן!... ביילע?...

ב יי ל ע. זיי האָבן גאָר אַזויפל ניט געטרונקען... זע נאָר! גענומען צו די ליפּן...

כ אַ י ם. גענומען צו די ליפן און טאַקע באַלד אַראָפּגעשלונגען... הערט זשע אויס, רעב אַלטער, אַז מיר האָבן יאָ דערלעבט אַ מאַזלטאָוו, טאָ לאָמיר טאַקע נעמען צו ביסלעך ווײַן און טרינקען לעכאַיים פאַר אונדז אַליין און פאַר אונדזערע אייגענע קאַלעס, און לאָמיר זיך צו ווינטשן איינס דאָס אַנדערע, עס זאָל זיין מיט מאַזל, מאַזלטאָוו דיר, פראַדל, מיין טייערע קאַלע, מיין ליכטיקער שטערן, מיין קרוין, מיין שפּיל-פויגעלע! גיב מיר אַהער דיין זיס הענטל און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר זיין געטריי!... (ער וויל זי אַרומנעמען).

פ ר אַ ד ל. דו ביסט אַ פאָנים שיקער...

כ אַ י ם. שיקער? כאַס וועכאָלילע!! ווי קומט אַ ייד זיין שיקער? וואָס זאָגט איר, רעב אַלטער, קאָן אַ ייד זיין שיקער?

ר ע ב אַ ל ט ע ר (שמייכלט און באַלעקט זיך) אַ ייד איז קיי... קיינמאָל ניט ש-שיקער! אַ ייד איז אַ ייד, און דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

כ אַ י ם. עפּשער געפעלט דיר ניט קאַנאַריקל, דער ייכעס, וואָס איך בין אַ מעשאָרעס?.. נאַרעלע, מעשאָרסים פירן היינט דאָס גאַנצע רעדל... קאַרג פאַראַן באַ אונדז באַלעבאַטים, וואָס זיינען געווען אַמאָל מעשאָרסים? און מיין באַלעבאָס אליין, זאָל דיר צו קיין כאַרפע ניט זיין, איז ניט געווען קיין מעשאָרעס? אַ ביסל גנייווע, אַ ביסל האַצלאָכע — כוּך זיין שאָדן אף מיר געזאָגט געוואָרן אין צען יאָר ארום!... ציַ אַשטייגער, לעמאָשל, נעם דיין מאַדאַם — ניט געווען פריער אַן אַם?.. היינט דאָקטערט זי זיך שוין און פאָרט אין די בעדער אריין... פאָלג מיך, קעצעלע מיינס, לאָמיר ברעכן טעלער. מאַזלטאָוו, ביילע! רעב אַלטער, זאָגט אונדז מאַזלטאָוו! (שלעפט ארויס פון קעשענע אַ גאָלדענע קייט און טוט אָן פראַדלען אפן האַלדז) אזוי ווי דו ביסט איצטער מיין קאַלע, שענק איך דיר אַ מאַטאָנע... ס'ליגט באַ מיר אָנגעגרייט שוין פון צוויי וואָכן (ער נעמט ארום פראַדלען און טוט איר אַ קוש, זי שטופט אים קלוימערשט אָפּ).

ב יי ל ע. מאַזלטאָוו דיר, פראַדל, פאַרנויך געזונט! וואָס זאָגט איר דערויף, רעב אַלטער? (זי ווייזט אים אף פראַדלס מאַטאָנע).

ר ע ב אַ ל ט ע ר. וואָס זאָל איך זאָגן? איך זאָג, אַז אַ ייד, אַ ייד זאָל מאַריך יאָמים וועשאָנים זיין... אַ ייד עסט און טרינקט און גאָר גאָרניט... שאַ שטיל... פיש-פיש-פישטשעט ווי אַ פויגעלע... דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ... (ער שטייט אויף און פאַלט פון די פיס) אַ ייד אַפילע, אַז ער טרינקט, איז ער ט-טאָמיד ניכטער... פלאָנטערט ניט מיט דער צונג... פאַלט ניט פון די פיס... גייט גלייך ווי אַ סטרונקעלע, טוט זיך ניט אַ בויג ניט אַהער... ניט אַהין... איז באַ אלע גאַדאַנקען... וואָרעם אַ ייד... וויפל ער זאָל ניט טרינקען קיין ווײַן, איז ער קיי-קיינמאָל ניט ש-ש-ש... אָי, אַ ייד האָט אַ פינצטער מאַזל... אז אַ ייד איז ט-טאָמיד אין דער ערד, ט-טאָמיד פאַרומערט, פאַרכוישעכט, פאַרוואָגלט... (זינגט אונטער דער נאָז).

פאַריאָ-וואָ-מערט פאַר-קלאָ-וואָ-אָגט
פון זאַ-וואַי-נעם פאַר-יאָ-וואָ-אָגט,
פון גאָ-וואָט דאָס פאַרשאָלטענע קינד... (אויסגעצויגן).
אוי-אוי-אוי-אוי!
אוי-אוי-אוי-אוי!..

כ אַ י ם (נעמט רעב אַלטערן פאַר אַ האַנט). וואָס טויג אייך, רעב אַלטער, זיין פאַריאָ-וואָמערט און פאַרקלאָ-וואָגט? זאָלן בעסער אונדזערע סאָנים יאָמערן און קלאָגן אף זייערע קעפּ! איר פאָלגט מיך, רעב אַלטער, גיסט אייך בעסער אָן אַ פרישע קויסע און טרינקט לעכאַיים צו אייער ביילען... לאָז זיין אין אַ גוטער שאָ אַ מאַזלדיקער, איר זאָלט זיך מיט איר עלטערן אין אוישער און קאָוועד... איך ווייס דאָך, אז איר פאדקעוועט ארום איר שוין פון אַ האַלב יאָר... אַ וועלט שלאָפט ניט... וואָס מאַכט איר אָנשטעלן, ביילע, וואָס ברעקלט איר זיך? לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ זיווע דאָס איז, ווי מיין רעבעצן פלעגט זאָגן אף איר שאָכן, בעשאַס ער פלעגט זיך צעפּאַטשן מיט זיין פלוינעסטע... אַ זיווג—זאָג איך אייך!

ר ע ב אַ ל ט ע ר. אַ זיִוועג מיִן האַשאָמאַיִם... לעכאַיִם, לעכאַיִם!... (עס קומען אָן ווידער די קינדער מיט פולע קעשענעס, קנאַקן-ניסלעך).

כ אַ יִ ם. גיִט זשע איר, רעב אַלטער, די האַנט און לאָז זיין מיט גליִק, פונ-דאַנען אין אַן אייגענער שטוב, ווי לייבישל גאַנעוו האָט געזאָגט, בע-שאַס מע האָט אים דאָס ערשטע מאָל געבראַכט צופיִרן אין אָסטראָג. און לאָמיר זיין געזונט! (ער גיסט אָן מיט גוואַלד פראַדלען אַ ביסל ווין אין מויל אריין) רעב אַלטער! זינגט עפעס אַ ליִדל פון אייערע ליִדלעך, נאָר אַ רעכטס, ס'זאָל לאָפּטשען!

ר ע ב אַ ל ט ע ר (נעמט אָף דער אויבערשטער אָקטאַווע).

אָוו איז אַ פּאָטער
קיידער איז אַ טאָטער,
אַ טאָטער איז קיידער,
בגאָדיִם איז קליידער,
קליידער איז בגאָדיִם,
זייד איז ניט קיין פּאָדעם.

כ אַ יִ ם. (שלאָגט אים איבער, זינגט אליין).

פּאָדעם איז ניט זייד,
שיִקער זאָלט איר זיין ווי לאָט,
ווי לאָט זאָלט איר זיין שיִקער,
אין מויל זאָל אייך ווערן ביִטער,
ביִטער זאָל אייך ווערן אין מויל,
שיִסן זאָל אייך אַ קויל,
אַ קויל זאָל אייך אויסשיִסן...

פ ר אַ ד ל. געשאָסן זאָלסטו ווערן פון גאָט!

כ אַ יִ ם. אָמיין, אַלע ווייבער!... ווייסט איר זשע גאָר וואָס, רעב אַלטער, זיִנגט אונדז דאָס פריִערדיִקע ליִדל: „וואָס מיִר זיינען, זיינען מיִר!" און לאָמיִר זיך נעמען פאַר די הענט אַלע און לאָמיִר גיין אַ האָפּקעלע. (אלע נעמען זיִך פאַר די הענט און מע גייט אַ טענצל).

ר ע ב אַ ל ט ע ר.

וואָס מיִר זיינען, זיינען מיִר,
אָבער ייִדן זיינען מיִר!

(כאַיִם שרייט צו רעב אַלטערן: לעבעדיִק, רעב אַלטער, פּאָלקעס! שטאַרקער! שטאַרקער! קיִנדער! פּיִסלעך, קיִנדער!.. ער צעברעכט אַ טעלער, אַלע שרייען: „מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!" פלוציִם עפנט זיך די שטוב-טיִר און עס באַווייזט זיך פריִער דער „מאַדאַמס" נאָז, נאָכדעם די „מאַדאַם" אליין).

ניינטע סצענע.

„מ אַ ד אַ ם" (אַ פּליעסק מיט די הענט). אַ וויִסטער, אַ פיִנצטערער, אַ ריינער, אַן אומגליִקלעכער, אַ שוואַרצער, אַ שליִמאַזלדיִקער מאַזלטאָוו אָף אייערע קעפּ און אָף אייערע הענט און פיִס און לייב און לעבן... אַזאַ

הולטאַיקע, אַזאַ פאַרשיִוטע ייִדענע. אַזאַ סמאַרקאַטע מויד! וואָן פון מיין שטוב. (צו רעב אלטערן) און אָט דער שלעפּער וואָס טוט דאָ?

ר ע ב אַ ל ט ע ר (אָנגעירודלט, פּלאָנטערט מיט דער צונג). ש-ש-שלעפּער זאָגט איר? ווי קומט אַ ייִד זיין אַ שלעפּער? אַ ייִר איז קיי-קיי-קיינמאָל ניט קיין שלעפּער! קיי-קיינמאָל ניִשט... און וואָס איר טרייבט מענטשן פון ש-ש-טוב,—מעכעטייסע, טרייבט, טרייבט, נאָר אַן אַוולע איז דאָס פון אייך... ווייסט איר וו-וו-וואָס? ס'איז היינט אַנדערע יאָרן גאָר. ניט דאָס וו-וו-וואָס אַ מאָל... די צעצעליִסטן זאָגן, אַ קלאָג צו זייער קאָפּ! דיִזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

„מ אַ ד אַ ם" (צו כאַיִמען). און דו שאַרלאָטאַן, וואָס טוסטו דאָ? וואָן פונדאַנען!

כ אַ יִ ם. (גאַנץ עלעגאַנט) אַ דאַנק פאַר אַ קאָמפּליִמענט! (די „מאַדאַם" לאָזט זיך צו אים מיט ביידע הענט, וויִל צונעמען די קינדער. כאַיִם נעמט זי פאַר אַ האַנט, טוט אַ ווונק צום איבעריִקן אוילעם, און מע כאַפּט זי אריין און מע גייט מיט איר אַ טענצל. די „מאַדאַם" ריִסט זיך מיט אלע קויכעס, נאָר ס'איז אומזיִסט; מע לאָזט זי ניט ארויס פון קאָן) רעב אַלטער! וואָס שווייגט איר? זאָגט עפּעס אַ גוט וואָרט!

ר ע ב אַ ל ט ע ר. (אופגעלעבט זינגט).

ס'איז היינט אַ נייע וועלט,
מע קוקט ניִט אָף קיין געלט,
קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיִעס, קיין שיין,
אלע זיינען גלייך!..

אַ ל ע (זינגען און טאַנצן).

קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיִעס, קיין שיין,
קיין אָרעם און קיין רייך —
אַלע זיינען גלייך!
אלע זיינען גלייך!

(די „מאַדאַם" רייסט זיך פון זייערע הענט און שעלט, נאָר מע הערט ניט איר קאָל. עס עפנט זיך די טיִר, און עס קומט אריין דערשראָקן אין קיִך אריין דער גאַנצער אוילעם. הערן און דאַמען און כאָסן-קאַלע אויך בעסויכעם. אייניִקע מיט די קאָרטן אין די הענט. מע בלייבט שטיין אַ ווײַלע פאַרגליִווערט. איטלעכער אין אַן אַנדער פּאָזע. לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג).

א ו פ ג א ב ע 1) אין וואָס דריִקט זיך אויס די ענלעכקייט פון „דער טאָקסע" מיט „מאַזלטאָוו"?

ווער זיינען די העלדן פון דיִדאָזיִקע ווערק?

ווו פיִלט זיך שטאַרקער די סיִנע צו די אונטערדריקער אין „טאָקסע", צי אין „מאַזלטאָוו"?

ווי רעאַגיִרן די אונטערדריִקטע אין ביידע ווערק?

עפשער האָט איר געליִענט אָדער געזען אָף דער סצענע שאָלעם-אַליכעמס „מענטשן"?

וועלכע אַלגעמיינע שטריִכן זיינען דאָ אין „מאַזלטאָוו" און „מענטשן"?

צי זיינען כאַראַקטעריסטיש די רייד פֿון די אַנטיילנעמענדיקע פּערזאָנען?
צי גיט איבער דער אַווטאָר יעדן העלד מיט זיין ספּעציפֿיש (אים אייגנטלעך) ריידן?
(קוקט זיך צו, ווי עס רעט אַלטער, ביילע, כאַים און די איבעריקע).
2) פֿון וויפֿל אַקטן באַשטייט „מאַזלטאָוו"? און די „טאַקסע"?

> **אַן אַקט איז דער טייל פֿון אַ דראַמאַטישן ווערק, וואָס ווערט אויסגעפֿירט אַף דער סצענע אָן אַן איבערייס און ווו די געשפּרעכן און שפּיל פֿון די אַנטיילנעמער זיינען פֿעסט פֿאַרבונדן צווישן זיך. אַן אַקט שטעלט מיט זיך פֿאָר לויט זיין אינהאַלט אַ געוויסן פֿאַרגאַנצטן טייל פֿון אַ דראַמאַטישן ווערק. אָפּהענגיק פֿון די צאָל אַקטן, זיינען פֿאַראַן פּיעסן: איינאַקטיקע, צווייאַקטיקע, דרייאַקטיקע און אַז. וו.**

אַף וויפֿל טיילן-סצענעס פֿאַלט פֿאַנאַנדער דער איינאַקטער „מאַזלטאָוו"?
צי באַמערקט זיך אין „מאַזלטאָוו", אַז נאָך יעדער סצענע גייען איניקע פּערזאָנען אַוועק און אַנדערע גייען אַרויס אַף דער בינע?

> **דער טייל פֿון אַקט, אין וועלכן די אַנטיילנעמענדיקע פּערזאָנען בייטן זיך ניט אַף דער בינע, הייסט סצענע אָדער אויפֿטריט.**

ווי אַזוי גיט אונדז דער אַווטאָר צו וויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אַף דער בינע? צוליב וואָס גיט ער אַ נעמען-רעשימע פֿון זיינע העלדן, זייער אויסערלעכן אויסזען און אַז. וו.?

> **דער אַווטאָר באַקאַנט אונדז מיט זיינע העלדן דורך די פֿאָלגנדיקע מיטלען: 1) ער גיט אונדז די רעשימע פֿון די אַנטיילנעמער, זייער פֿאַמיליען און שטייגער-קרוווערשאַפֿט („פֿרוי", „טאָכטער", „דינסט", „מעשאָרעס", „געליבטער", „פֿריינט" און אַז. וו.), די ציים און אָרט פֿון די געשעענישן (אין קיך, אין עסצימער און אַז. וו.).**
> **2) דער געשפּרעך פֿון איין אַנטיילנעמער אָדער עטלעכע מאַכן שוין אין אָנהויב קלאָר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.**
> **יעדער דראַמאַטישע ווערק האָט זיין לייזונג (דער העלד אָדער די העלדן שטאַרבן, ווערן פֿאַרשווונדן, האָבן כאַסענע, עס קומט פֿאָר אַ געוויסע ענדערונג אין אַרט דענקען, אין דער אידעאָלאָגיע און אַז. וו.).**

געפֿינט אין „מאַזלטאָוו" 1) דעם אַריינפֿיר אין די געשעענישן, 2) די לייזונג, 3) געפֿינט אין די ערשטע דריי סצענעס אַלע רעפּליקעס.